בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון



פרשת חיי שרה
מברכים חודש כסלו
כד מרחשון
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 7
(59)

## פאר'ן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי בַּיים דַאוֶונֶען אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ בַּאֲוואוּרְפְן לְרֶגֶל עֲלִיָּה לַתּוֹרָה פוּן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר. בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: בִּרְשׁוּת דִי חָשׁוּבְ'עֶ מְחוּתָּנִים, בִּרְשׁוּת דִי חָשׁוּבְ'עֶ זֵיידֶעס. אִין בְּרֶסְלֶב פִירְט מֶען זִיךְ פָארְצוּלֶערְנֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶועלְן מִיר אַבִּיסְל פָארְלֶערְנֶען פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ. אִיז בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ גִיוֶוען אֵיין שִׁפְחָה. וָואס זִי הָאט בַּאדִינְט דִי מַלְכָּה (מִן הַסְּתָם קֵין קֶעכֶערְן טָאר נִיט אַרַיין קוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. נָאר דִי שִׁפְחָה הָאט גִיהַאט עֶפֶּעס אֵיין אַנְדֶערֶע דִינְסְט. אַ קְלֵיינֶע דִינְסְט) אִיז גִיקוּמֶען דִי צַייט וָואס דִי מַלְכָּה הָאט בַּאדַארְפְט הָאבְּן אֵיין קִינְד. אוּן דִי שִׁפְחָה הָאט אוֹיךְ בַּאדַארְפְט צוּ גְווִינֶען אִין דֶער צַייט. אִיז גִיגַאנְגֶען דִי בָּאבֶּע אוּן הָאט אִיבֶּערְגִיבִּיטְן דִי קִינְדֶער. כְּדֵי זִי זָאל זֶעהְן וָואס דָא וֶועט זִיךְ טָאן. וָואס דֶערְפוּן וֶועט אַרוֹיס וַואקְסְן. אוּן זִי הָאט גִינוּמֶען דָאס קִינְד פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוּן הָאט אַנִידֶער גִילֵייגְט לֶעבְּן דֶער שִׁפְחָה. אוּן דָאס קִינְד פוּן דֶער שִׁפְחָה הָאט זִי גִילֵייגְט לֶעבְּן דֶער מַלְכָּה.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן אָן גִיהוֹיבְּן דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער צוּ וַואקְסְן. אוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דָאס קִינְד וָואס סֶע דֶערְוַואקְסְן גִיוָוארְן בַּאם מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז דֶער זוּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ) הָאט מֶען אִים מְגַדֵּל גִיוֶוען (דְהַיְינוּ גִיגְרֵייסְט) אוּן אוֹיפְגִיהוֹיבְּן אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. בִּיז עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גִיוָוארְן אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹסֶער בְּרִיָּה. אוּן דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר אִיז דֶערְצוֹיגְן גִיוָוארְן בַּיי דֶער שִׁפְחָה וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער זוּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ כַּנַּ"ל) אִיז אוֹיךְ דֶערְוַואקְסְן גִיוָוארְן בַּיי דֶער שִׁפְחָה. אוּן דִי בֵּיידֶע קִינְדֶער הָאבְּן גִילֶערְנְט אִין אֵיינֶעם אִין אֵיין חֵדֶר. אוּן דֶער אֶמֶתִּיר בֶּן מֶלֶךְ (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגִירוּפְן בֶּן הַשִּׁפְחָה) הָאט זִיךְ זַיין טֶבַע גִיצוֹיגְן צוּם נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת נָאר עֶר אִיז מְגוּדָל גִיוָוארְן בַּיי דֶעם עֶבֶד אִין שְׁטוּבּ. אוּן פַארְקֶערְט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגִירוּפְן בֶּן הַמֶּלֶךְ) הָאט זִיךְ זַיין טֶבַע גִיצוֹיגְן צוּ אֵיין אַנְדֶער נִימוּס נִיט אַזוֹי וִוי דֶער נִימוּס פוּן אֵיין מֶלֶךְ אִיז. נָאר עֶר אִיז מְגוּדָל גִיוָוארְין בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אִין שְׁטוּבּ. הָאט עֶר זִיךְ גִימוּזְט פִירְן מִיט דֶעם נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת. וָוארְן מֶע הָאט אִים אַזוֹי גִיפִירְט מִיט דֶעם נִימוּס.

אוּן דִי בָּאבֶּע מַחֲמַת נָשִׁים דַעְתָּן קַלּוֹת (דְהַיְינוּ וַוייבֶּער הָאבְּן אֵיין גְרִינְגֶע דֵעָה) כְּלוֹמַר זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִיט אַיינְהַאלְטְן. אִיז זִי

<<<

## חִינוּךְ ווִינְקְל

פוּנֶעם קוּנְטְרֵס: "לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶעס קִינְד"

### זֵיי זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה

דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן נִישְׁט, קִינְדֶער וָואס הֶערְן נִישְׁט, קִינְדֶער וָואס גַנְבְ'עֶנֶען רִיסֶעס, קִינְדֶער וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף, קִינְדֶער וָואס גֶעבְּן אוֹיפְ'ן בָּאס פַאר אַנְדֶערֶע וָואס שְׁטֵייעֶן זֵיי אִין וֶועג אַ דְזְשָׁאכֶע - זֵיי זֶענֶען גוּטֶע סְחוֹרָה, זֵיי זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה. נִישְׁט אַז מָארְגְן זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן, אָבֶער אִיר זָאלְט וִויסְן אַז דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר גוּטֶע סְחוֹרָה, אַז אִיר וֶועט זִיךְ גוּט אַרוּמְקוּקְן וֶועט אִיר זֶען אַז דִי אַלֶע וָואס יוּנְגֶערְהֵייט זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען קָאכֶעדִיג, שְׁפְּרִינְגֶענְדִיג, טַאנְצֶענְדִיג, נִישְׁט פָאלְגֶענְדִיג אוּן צִיפֶּעדִיג וְכוּ', דִי אַלֶע וַואקְסְן אוֹיס פֵיינֶע סְחוֹרָה וָואס הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן טוּעֶן גוּטְס פַאר אַנְדֶערֶע.

### עֶר וֶוערְט נָאכְגִישְׁט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד

אַ קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט וֶוערְט נָאכְגִישְׁט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, אַ קִינְד וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן וֶוערְט נָאכְגִישְׁט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין דַארְפְן טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל יָא פָאלְגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל יָא אוֹיסְהֶערְן.

### זֶע לִיבּ צוּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער!

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א צִי אִיךְ זָאל אָנְנֶעמֶען אַ פָּאסְטְן אִין מְלַמְּדוּת, הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "יוֹאֵלִ'ישׁ, אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע לִיבּ צוּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער! נִישְׁט נָאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען שֵׁיין אָנְגֶעטוּן אָדֶער דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זִיס אוּן בַּאחֵנְ'ט, זֶע לִיבּ צוּ הָאבְּן אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי". אִיךְ גֶעדֶענְק אַז דִי הַדְרָכָה אִיז מִיר גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע הִילְף, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַלֵיינְס, אַז מֶען דַארְף זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער.

גִּיגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד פַאר אֵיין מֶענְטְשְׁן. בַּאֲשֶׁר אַז זֵי הָאט פַארְבִּיטְן דִי קִינְדֶער אוּן אִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אֵיין חָבֵר. אוּן דֶער חָבֵר הָאט נָאךְ אֵיין חָבֵר. הָאט אַזוֹי אֵיינֶער אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אַנְדֶערְן. בִּיז דֶער סוֹד אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶען. אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶער וֶועלְט אִיז. בִּיז דֶער עוֹלָם הָאט דֶערְפוּן גִישְׁמוּסְט שְׁטִילֶערְהֵייט בַּאֲשֶׁר אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן. לוֹשְׁמִיר שְׁמוּסְן שַׁארְף קָאן מֶען בְּוַודַאי דֶערְפוּן נִיט. דֶער מֶלֶךְ זָאל נִישְׁט גִיוָוארְן וֶוערְן. ווָארְן וָואס וֶועט דֶער מֶלֶךְ קֶענֶען טָאן אִין אַזוֹי אַ זַאךְ. וָוארְן עֶר קָאן דָאס נִיט פַארְרֶעכְטְן. עֶר קָאן עֶס נִיט גְלֵייבְּן. טָאמֶער אִיז דָאס לִיגְן. אוּן וִוי אַזוֹי בַּייט מֶען ווִידֶער צוּרִיק. אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען דָאס בְּוַודַאי נִיט אוֹיס זָאגְן פַאר דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער עוֹלָם הָאט צְווִישְׁן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גִישְׁמוּסְט דֶערְפוּן.

וַיְהִי הַיּוֹם. אִיז גִיגַאנְגֶען אֵיינֶער. אוּן הָאט אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד פַאר דֶעם בֶּן מֶלֶךְ. בַּאֲשֶׁר מְזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן. נָאר. דוּ קָאנְסְט דָאס נִיט קְלֶערְן. ווָארְן סֶע שְׁטֵייט דִיר נִיט אָן. אוּן ווִי אַזוֹי קְלֶערְט מֶען אַזוֹי אֵיין זַאךְ. נָאר אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס דִיר. כְּדֵי דוּ זָאלְסְט ווִיסְן. ווָארְן טָאמֶער וֶועט אַמָאל זַיין אֵין בּוּנְט אַקֶעגְן דֶער מְלוּכָה. וֶועט דֶער בּוּנְט דַארְךְ דֶעם קָאנֶען שְׁטַארְקֶער זַיין ווָארְן זֵיי וֶועלְן זָאגְן זֵיי נֶעמֶען זִיךְ דֶעם בֶּן מֶלֶךְ פַאר אֵיין מֶלֶךְ. דְהַיְינוּ דֶער וָואס מְזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז צוּם אֶמֶת דֶער בֶּן מֶלֶךְ כַּנַ"ל.

## ווֶער בִּיסְטוּ?

יָארְן צוּרִיק הָאט מֶען דָאס גֶעזֶען אִין אַמֶערִיקֶע, מֶען הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פְּרֶעזִידֶענְט וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ טוּנְקֶעלֶער, "ווֶער בִּיסְטוּ?" "פוּן וואוּ קוּמְסְטוּ?" "דוּ בִּיסְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אַמֶערִיקַאנֶער!" דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פַארְשֶׁעמוּנְג פַאר אִים. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז אַ רֶבִּי פוּן אַסַאךְ חֲסִידִים אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן זַיין זוּן נֶעמְט אִיבֶּער דִי רַבָּנוּת פָּאסְטְן, פְּלוּצְלִינְג שְׁטֵייעֶן מֶענְטְשְׁן אוֹיף מִיט אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אוֹיף אִים מִיט קְלָארֶע בַּאוַוייזְן אַז דֶער זוּן אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין אֶמֶת'ער זוּן, עֶר אִיז נָאר גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי דֶעם רֶבִּי'ן... וָואס קֶען עֶר דַאן טוּן? פוּן דֶעם הָאט דֶער (פַאלְשֶׁער) בֶּן מֶלֶךְ מוֹרָא גֶעהַאט.

דְרוּם בַּאדַארְפְסְטוּ זֶעהְן צוּ פַארְטְרַאכְטְן דֶעם בָּחוּר. (אַזוֹי הָאט אַלְץ דֶער אֵיינֶער גִיזָאגְט צוּ דֶעם בֶּן הַמֶּלֶךְ וָואס צוּם רֶעכְטְן אֶמֶת אִיז עֶר דֶער זוּן פוּן דֶער שִׁפְחָה כַּנַ"ל).

אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טָאן שְׁפִּיצְלֶעךְ יֶענֶעמְס פָאטֶער (וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר זִיךְ גִיוֶוען טַאקֶע זַיין פָאטֶער) אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גִילֵייגְט אִים צוּ טָאן שְׁלֶעכְץ תָּמִיד. אוּן עֶר הָאט אִים אַלְץ דֶערְלַאנְגְט שְׁפִּיצְלֶעךְ אֵיינְס נָאךְ עֶס אַנְדֶערֶע. כְּדֵי עֶר זָאל מוּזְן עוֹקֵר זַיין מִיט זַיין זוּן. אוּן כָּל זְמַן דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין הָאט נָאךְ גִילֶעבְּט. הָאט עֶר נָאךְ פָארְט אַזוֹי אֵיין מֶמְשָׁלָה נִיט גִיהַאט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָארְט פְלֶעגְט עֶר אִים טָאן שְׁפִּיצְלֶעךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ אַלְט גִיוָוארְן אוּן אִיז גִישְׁטָארְבְּן. הָאט עֶר אָפּ גִינוּמֶען דִי מְלוּכָה. הָאט עֶר דֶעמָאלְט נָאךְ מֶער שְׁלֶעכְץ גִיטָאן צוּ יֶענֶעם זוּנְס פָאטֶער (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם פָאטֶער פוּן דֶעם בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ אוּן דֶער פָאטֶער אִיז טַאקֶע גִיוֶוען זַיין פָאטֶער פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט אָפּ גִינוּמֶען דִי מְלוּכָה וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן כַּנַ"ל) אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אִים שְׁלֶעכְץ פַארְשְׁטֶעלְט מֶען זָאל נִיט ווִיסְן אַז סֶע אִיז פוּן אִים. וָוארְן סֶע אִיז נִיט שֵׁיין פַאר לַייט. אוּן הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט אַלֶע מָאל שְׁפִּיצְלֶעךְ אֵיינְס נָאךְ עֶס אַנְדֶערֶע.

הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דֶער דָאזִיגֶער. אַז עֶר טוּט אִים שְׁפִּיצְלֶעךְ מַחְמַת דֶער זַאךְ. (דְהַיְינוּ וַוייל דִי וֶועלְט שְׁמוּסְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן) הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זוּן (דְהַיְינוּ דֶער עֶבֶד דֶער מַאן פוּן דֶער שִׁפְחָה וָואס אִים הָאט מֶען עֶס אַלְץ דֶערְלַאנְגְט שְׁפִּיצְלֶעךְ כְּדֵי עֶר זָאל פַארְטְרַייבְּן זַיין זוּן וַוייל מֶען זָאגְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן כַּנַ"ל) אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר. וָוארְן מִמָּה נַפְשָׁךְ. בִּיסְטוּ אַנְדֶערְשׁ מַיין קִינְד. הָאבּ אִיךְ זִיךְ בְּוַודַאי גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר. בִּיסְטוּ אַנְדֶערְשׁ נִיט מַיין קִינְד. נָאר בִּיסְט צוּם אֶמֶת דֶער בֶּן מֶלֶךְ. אִיז זִיךְ נָאךְ מֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר. וָוארְן דֶער (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר הָאט אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה) ווִיל זִיךְ דִיךְ גָאר אוֹיס רַייסְן חַס וְשָׁלוֹם. אִיבֶּער דֶעם מוּסְטוּ עוֹקֵר זַיין (דְהַיְינוּ אַנְטְלוֹיפְן) פוּן דַאנֶעט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר גִיאַיירְט. אוּן סֶע אִיז אִים זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גִיוֶוען דִי זַאךְ.

נָאר דֶער מֶלֶךְ דֶערְלַאנְגְט אַלְץ דֶערְוַוייל אַלֶע מָאל שְׁפִּיצְלֶעךְ. אֵיינְס נָאךְ עֶס אַנְדֶערֶע. הָאט זִיךְ דֶער זוּן מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער אֶמֶתֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן) עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן. הָאט אִים דֶער פָאטֶער גִיגִיבְּן אַסַאךְ גֶעלְט. אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן. וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן פוּן זַיין מְדִינָה אוּמְזִיסְט. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גִיקוּקְט. פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן. בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר בְּוַודַאי נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִיט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ (דְהַיְינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער) אוּמְזִיסְט. וָוארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן אוּן מַחְמַת דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען לְבֵית הַזּוֹנוֹת (דְהַיְינוּ אִין דִי שְׁטִיבֶּער וואוּ הוּרְן זִיצְן) אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט דֶערְמִיט זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן. עֶר זָאל שִׁיכּוֹרְן אוּן זָאל נָאךְ גֵיין נָאךְ וָואס זַיין הַארְץ גְלוּסְט. וַוייל עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן אוּמְזִיסְט.

## וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ לַיידְן?

מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דֶעם, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ', דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט אַ קַשְׁיָא אִין מֹחַ: "**וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ לַיידְן?**" אוּן זֵיי נִיצְן אוֹיס דִי טַעֲנָה אוֹיף צוּ אָפְּלָאזְן זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, "**מֶען הָאט מִיר בַּאעַוְלָה'ט, מֶען הָאט מִיר שְׁלֶעכְטֶס גֶעטוּן, אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע שְׁטוּבּ...**" דָאס זֶע אִיךְ לֵיידֶער אִין יְשִׁיבָה בַּיי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן אַזֶעלְכֶע סָארְט שְׁטוּבֶּער.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים

אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לד, ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים, רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גְלַייכְט דָאס צוּ צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס הָאט צְוֵויי קוּעֶן, "**אַחַת כֹּחָהּ יָפֶה וְאַחַת כֹּחָהּ רַע**", אֵיין קוּה אִיז אַ שְׁטַארְקֶע קוּה אוּן אֵיינְס אִיז אַ שְׁוַואכֶע קוּה, "**עַל מִי הוּא נוֹתֵן הָעֹל?**" אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט עֶר אַרוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע עוֹל? "**לֹא עַל אוֹתָהּ שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה?**" צִי דֶען נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע, "**כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים**", אַזוֹי אוֹיךְ טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "**ה' צַדִּיק יִבְחָן**".

## אִיךְ וִויל זֶען וִוי שְׁטַארְק עֶר הָאט מִיךְ לִיבּ

הַיינְט אִיז דָאס מִיט אַ טְרָאק, מִיט אַ קַאר, אַז מֶען וִויל אָנְפִּילְן

אַ קאר מִיט שְׁווערֶע פֶּעקְלֶעך דאַרְף עֶס זַיין גֶענוּג שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נָאך קֶענֶעם פָּארְן דֶערְמִיט, עֶס זָאל נִישְׁט ווערְן צֶעבְּרָאכְן ווען מֶען ווערְט אַרוֹיפְפָּארְן אוֹיף אַ בַּארְג וְכַדוֹמֶה, דִי זֶעלְבֶּע זַאך אִיז ווען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אֵיינֶעם אוֹיסְפְּרוּבִּירְן מִיט שְׁוועריקֵייטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס דֶעם 'עֶרְלִיכְן אִיד' וואוּסֶענְדִיג אַז עֶר הָאט דִי כֹּחוֹת זִיך דֶערְהַאלְטְן, עֶר ווֶעט מִיך נִישְׁט אָפְּלָאזְן, עֶר ווֶעט נִישְׁט אַוועקְלוֹיפְן חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "**לְאָמִיר אִים נַאכְאַמָאל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, אִיך ווִיל זֶען דָאס לִיבְשַׁאפְט ווִי שְׁטַארְק עֶר הָאט מִיך לִיב**", אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת זִיך צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִים שִׁיקְט מֶען טַאקֶע נִישְׁט דִי אַלֶע שְׁוועריקֵייטְן.

### עֶר ווִיל זֶען ווִי דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיך

דֶערְפַאר ווען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט ווִי מֶען פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס מִיט שְׁווערֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, עֶר ווִיל זֶען דַיין לִיבְשַׁאפְט ווִי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט אִים לִיב, עֶר ווִיל זֶען ווִי דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיך נִישְׁט אַוועקְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן

אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין נִסָּיוֹן אוּן זָאגְן: "אִיך הָאבּ אַ שְׁווערֶע לֶעבְּן - אִיך לוֹיף אַוועק...", זָאלְסְטוּ זָאגְן: "**אִיך הָאבּ אַ שְׁווערֶע לֶעבְּן - לוֹיף אִיך צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**" ווייל בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא קֵיין רֶעטוּנְג, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן. וואוּ ווֶעסְטוּ אַוועקְלוֹיפְן? סַיי ווִי קוּמְט דָאך אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּאלְד דַארְפְסְטוּ צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

### אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן גֵייסְטוּ טוּן עֲבֵירוֹת?!

דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעטְרַאכְט: "**פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיך זָאל פַארְטְרִיבְּן ווערְן? וָואס הָאבּ אִיך גֶעזִינְדִיגְט? וָואס בִּין אִיך דָא שׁוּלְדִיג?**" דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיך גֶענוּמֶען צוּם טְרִינְקֶען, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁיכּוֹר'ן אוּן טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן... עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה, אָבֶּער בַּיים סוֹף דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי ווִי עֶר אִיז צוּרִיק גֶעווָארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן גֵייסְטוּ טוּן עֲבֵירוֹת?! פַארְקֶערְט, נֶעם דַיין נִסָּיוֹן, נֶעם דַיינֶע מְנִיעוֹת, נֶעם דַיינֶע שְׁוועריקֵייטְן אוּן לוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

### צְווֵיי עֵצוֹת, אָדֶער זִיך נַאכְלָאזְן אָדֶער תְּהִלִּים...

ווען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁווערֶע צַייט, אִיז דָא צְווֵיי עֵצוֹת, אָדֶער לָאזְט עֶר זִיך נָאך חַס וְשָׁלוֹם, אָדֶער גֵייט עֶר זָאגְן אַ **קַאפִּיטְל תְּהִלִּים** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיך ווער נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַז אִיך מוּטְשֶׁע זִיך אוֹיף פַּרְנָסָה, ווער אִיך נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיך דַאווען נִישְׁט קֵיין מִנְחָה ווייל אִיך הָאבּ פַארְלוֹירְן אַ דִיעֶל", "אִיך דַאווען נִישְׁט קֵיין מַעֲרִיב ווייל אִיך הָאבּ נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה", נֵיין! פּוּנְקְט פַארְקֶערְט אַז אִיך הָאבּ פַארְלוֹירְן אַ דִיעֶל, אַז אִיך הָאבּ נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, לוֹיף אִיך צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיך גֵיי דַאווֶענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן זָאגְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיך זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען דָאס גֶעלְט וָואס אִיך הָאבּ יֶעצְט דֶערְלֵייגְט**".

### מִיט דֶעם בִּין אִיך אָפְּגֶעקוּמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט

אוּן אַז אִיך הָאבּ שׁוֹין מִתְפַּלֵּל גֶעווען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְאַלְץ פַארְלוֹירְן גֶעלְט, ווֶעל אִיך גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם אַוועקְגֶענוּמֶען פוּן מִיר אַ שְׁווערֶערֶע נִסָּיוֹן, עֶס הָאט גֶעדַארְפְט פַּאסִירְן מִיט מִיר אַ עֶרְגֶערֶע זַאך, אוּן מִיט דֶעם בִּין אִיך אָפְּגֶעקוּמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט.

### ווֶעל אִיך הֶערְשְׁט נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים

מֶען קֶען אַמָאל הֶערְן אַ אִינְגֶערְמַאן קְלָאגְן: "אַלֶעס גֵייט מִיר מִיטְ'ן פְּטוּם אַרָאפּ, מָארְגְן גֵיי אִיך נִישְׁט דַאווֶענֶען שַׁחֲרִית"... עֶנְדֶערְשׁ זָאג פַארְקֶערְט: "**אַז אַלֶעס גֵייט מִיר שְׁווער, ווֶעל אִיך הֶערְשְׁט גֵיין דַאווֶענֶען**", "**אַז אַלֶעס גֵייט מִיר שְׁווער, ווֶעל אִיך הֶערְשְׁט נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים**".

### אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים

מֶען קֶען זִיך נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט "אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים"; דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**אִיך בִּין אַזוֹי ווַייט פוּן דִיר, אִיך בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיך בִּין אַזוֹי גַארְנִישְׁט, אִיך גֵיי זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אִיך בֶּעט דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיךְ נִישְׁט מַרְחִיק, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְטְרַייבּ מִיךְ נִישְׁט**", דִי פָּאר ווערְטֶער שְׁפַּאלְטְן אַלֶע הִימְלֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייעְט זִיך צוּ יֶעדֶעס ווָארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים.

### אַזַא שֵׁיינֶע שִׂמְחָה

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט בַּיי אַזַא שֵׁיינֶע שִׂמְחָה, בַּיי דִי בַּאווַארְפְן פוּן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר; גֶעווֶענְלִיךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלוֹיבְּן דֶעם חָתָן פַארְ'ן מְחוּתָּן, אָבֶּער דָא קֶען דָאך דֶער מְחוּתָּן גוּט דֶעם חָתָן, אָבֶּער פַאר דִי זֵיידֶעס קֶען אִיך אוֹיסְלוֹיבְּן דֶעם חָתָן, אִיר זָאלְט ווִיסְן פוּן אַלְס קִינְד לֶערְנְט עֶר דָא אִין חֶדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה, עֶר פִּירְט זִיך מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר הָאט פְלֵייסִיג גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

### וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ ווערְן גֶערַאטֶעוועט?

דִי ווָאכֶעדִיגֶע סֶדְרָה זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ, עֶס גֵייט קוּמֶען אַ מַבּוּל, אַלֶעס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווֶעט חָרוּב ווערְן, אֵיין עֵצָה אִיז דָא (בְּרֵאשִׁית ו, יד): "**עֲשֵׂה לְךָ תֵּבַת וגו'**", מַאךְ פַאר דִיר אַ קַאסְטְן וְכוּ', "**וּבָאתָ אֶל הַתֵּבָה אַתָּה וּבָנֶיךָ וְאִשְׁתְּךָ וּנְשֵׁי בָנֶיךָ אִתָּךְ**" (שָׁם, יח)", דוּ ווֶעסְט אַרַיינְקוּמֶען צוּ דֶעם קַאסְטְן, דוּ אוּן דַיינֶע זִין אוּן דַיין ווַייבּ, אוּן דִי ווַייבֶּער פוּן דַיינֶע זִין מִיט דִיר, אַזוֹי ווֶעסְטוּ גֶערַאטֶעוועט ווערְן פוּן דִי מַבּוּל. דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעווָארְן פַאר אוּנְז אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, אִינְדְרוֹיסְן קֶען זַיין אַ מַבּוּל, מֶענְטְשְׁן פַאלְן לֵיידֶער אַוועק פוּן דִי אִידִישֶׁע ווֶעג רַחֲמָנָא לִצְלַן, וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ ווערְן גֶערַאטֶעוועט פוּן דִי פַארְשְׁווֶעמוּנְג? אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיך זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, עֶר הָאט זַיין ווַייבּ, זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר זִיצְט פַארְמַאכְט מִיט זֵיי, הָאט עֶר גַארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט אַלֶעס וָואס גֵייט פָאר אִינְדְרוֹיסְן.

### עֶס פֶעלְט מִיר גַארְנִישְׁט

יֶעדֶע ווָאךְ אִיז דָא נֵייעֶ אַסִיפוֹת וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט אוּנְזֶער דוֹר, עֶס אִיז לֵיידֶער דָא אַ מַבּוּל פוּן מִינוּת אוּן כְּפִירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "**בּוֹא אַ תֵּיבָה, זַיי מִיט דַיין**

מִשְׁפָּחָה, מיט דיין ווייב און קינדער אָפּגעזונדערט פון די גאס, דאן וועסטו נִצֹּל ווערן פון די מַבּוּל". אָבער דער מענטש דארף זען אז ער זאל נישט אריינברענגען די גאס אין זיין הויז; בָּרוּךְ הַשֵּׁם איך האלט שוין איין און צוואנציג יאר נאך מיין חֲתוּנָה, און אין מיין שטוב קומט נישט אריין קיין צייטונגען, קיין מאגאזינען און קיין רעדיאו, די לעצטע מאל וואס איך האב געליינט די נייעס איז געווען איבער צוואנציג יאר צוריק, און עס פעלט מיר גארנישט, נאר איין זאך - אז איך בין רואיגער! איך בין זייער פרייליך, איך ווייס נישט פון די אלע נייעס, און עס געשעט גארנישט אויב איך זע נישט וואס שטייט די וואך אין די נייעס.

## איך לערן יעדן טאג א פֶּרֶק 'נייעס'...

איך האב זייער הֲנָאָה געהאט צו הערן פון א אינגערמאן, ער דערציילט מיר, זיין יונגעל קען נאכנישט רעדן קלאר, אזוי ווי אסאך קינדער וואס אנשטאט זאגן 'ברויט' זאגן זיי 'בויט'... זיין קינד זעט דעם טאטען א גאנצן טאג רעדן פון זיין מִשְׁנָיוֹת, ער לערנט שטענדיג מִשְׁנָיוֹת און האלט ביי זיך אין טאש זיין מִשְׁנָיוֹת, דאס קינד קען נאכנישט זאגן די אותיות 'מ' און 'ש' פרעגט ער זיין טאטען: "טאטי, נייעס [מִשְׁנָיוֹת]...?" דאס איז א מורא'דיגע ווארט, יא די 'מִשְׁנָיוֹת' דאס איז מיין 'נייעס', איך לערן יעדן טאג א פֶּרֶק 'נייעס', איך דארף נישט הערן די אנדערע סארט נייעס.

## מיין שטוב דארף זיין געבויעט אויף די תּוֹרָה

דאס איז זייער געאייגנט פאר א חָתָן, ער גייט יעצט אויפבויען זיין שטוב, דארף ער וויסן "איך גיי יעצט אויפבויען מיין שטוב, מיין שטוב דארף זיין געבויעט אויף די הייליגע תּוֹרָה, איך גיי יעדן טאג דאווענען אינדערפרי שַׁחֲרִית, אינמיטן טאג מִנְחָה און ביינאכט מַעֲרִיב, און איך וועל זיך מאכן א שִׁיעוּר יעדן טאג אין חוּמָשׁ, אין מִשְׁנָיוֹת און אין גְּמָרָא".

## פינף און דרייסיג מאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה!

דער חָתָן האט שוין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה געווען צו מְסַיֵּים זיין 'פינף און דרייסיג מאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה', קוקט אן א יונגער חָתָן וואס האט שוין מְסַיֵּים געווען פינף און דרייסיג מאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה! שטעל אפּ א מענטש אין גאס און פרעג אים "האסט שוין געענדיגט איין מאל מִשְׁנָיוֹת אין דיין לעבן? דו ווייסט באלד וועסטו דארפן צוריק גיין צום אייבערשטן, דארט וועסטו גארנישט קענען מיטנעמען פון די וועלט, נאר מִשְׁנָיוֹת וועסטו דארט מיטנעמען".

## שַׁ"ס ענדיגט זיך נישט...

אויך האט שוין דער חָתָן געענדיגט שַׁ"ס; איך האף אז דער חָתָן האט דאס נישט 'דערענדיגט', שַׁ"ס ענדיגט זיך נישט, עס איז נישט דא אזא זאך 'איך האב געענדיגט שַׁ"ס', אז איך האב איינמאל געענדיגט שַׁ"ס וועל איך נאכאמאל אנהייבן שַׁ"ס.

## פון יעדן ערליכע איד לאכט מען!

דער רַבִּי האט אונז דאך געגעבן א וועג צו לערנען, דו קענסט זאגן די ווערטער אפילו אן פארשטיין (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו); וואס האסטו מורא, אז מענטשן גייען לאכן? פון יעדן ערליכע איד לאכט מען!

## אלע צַדִּיקִים זענען געווען איניג

אלע צַדִּיקִים האבן געהאט די זעלבע וועג צו דינען דעם אייבערשטן, 'בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת', דער זיידע שְׁלִיטָ"א איז חָסִיד פונעם טאהש'ער רַבִּי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, נעם זיין הייליג סֵפֶר 'עֲבוֹדַת עֲבוֹדָה', קוק אריין וואס דארט שטייט, אלעס איז איין שטיק תְּמִימוּת, "**זָאג תְּהִלִּים**", "**זָאג תְּהִלִּים**". איך געדענק נאך ווען איך בין געווען א בָּחוּר פלעגט מען זאגן אויף טאהש'ע חֲסִידִים: "זיי זענען פשוט'ע מענטשן, זיי זענען תְּמִימוּת'דיגע מענטשן". איך האב זוֹכֶה געווען צו זיין ביים טאהש'ער רַבִּי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אלס בָּחוּר, איך האב געגעסן מיט אים די שַׁבָּת'דיגע סְעוּדוֹת, איז נישט געווען וואס צו זען, נאר איין זאך - זיין 'תְּמִימוּת' אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, איך האב געזען זיין תְּהִלִּים שַׁבָּת אינדערפרי, זיין דאווענען וְכַדּוֹמֶה, און דאס איז א זאך וואס אלע צַדִּיקִים זענען געווען איניג, אלע האבן געוואלט איין זאך, מען זאל דינען דעם אייבערשטן 'בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת'.

## זוך נישט צו זיין א 'חַקְרָן' א 'לַמְדָן'

נעם א מִשְׁנָיוֹת, נעם א גְּמָרָא, נעם א תְּהִלִּים, פאלג דעם רַבִּי'ן אפילו "איך פארשטיי וואס איך זאג" - דאך זאג ווייטער א בלאט גְּמָרָא, א פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, דאס איז דער וועג פון אלע צַדִּיקִים, זיך פירן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זוך נישט צו זיין א 'חַקְרָן', זוך נישט צו זיין א 'לַמְדָן', לערן תּוֹרָה ווייל דער אייבערשטער וויל מיר זאלן לערנען די הייליגע תּוֹרָה.

## תּוֹרָה בְּטָהֳרָה

ווען א בָּחוּר איז זוֹכֶה צו חֲתוּנָה האבן קען ער לערנען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, אזוי ווי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זאגן (יוֹמָא עב:) אויפן פָּסוּק (תְּהִלִּים יט, י): יִרְאַת ה' טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד, "**זֶה הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה**", דאס מיינט מען דער וואס לערנט תּוֹרָה מיט א ריינע מֹחַ, פרעגט די גְּמָרָא: "**מַאי הִיא?**" ווי אזוי איז מען זוֹכֶה צו לערנען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה? "**נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה**", אז מען האט חֲתוּנָה און נאכדעם לערנט מען תּוֹרָה, ווייל מען קען נישט לערנען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה נאר אז מען האט חֲתוּנָה קודם.

## אן קיין שום צוגעלייגטע חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת

ליידער ליידער לאזט מען היינט נישט לעבן, מען נעמט א חָתָן און מען לייגט אים ארויף חוּמְרוֹת, חוּמְרוֹת, חוּמְרוֹת, חוּמְרוֹת, אז עס איז שוין גרינגער צו בלייבן א בָּחוּר... אבער אז מען לעבט אזוי ווי דער הייליגער רַבִּי האט אונז געלערנט מען זאל לעבן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מען לעבט אין שטוב אן קיין שום צוגעלייגטע חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, נאר אזוי ווי עס שטייט אין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דאן איז "א מְחַיֶה, יִישַׁר כֹּחַ אייבערשטער אז איך האב חֲתוּנָה געהאט, יעצט קען איך לערנען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה".

דער אייבערשטער זאל העלפן דער חָתָן זאל אויפבויען זיין שטוב, און די זיידעס און מְחוּתָּנִים זאל ווייטער זען נַחַת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און עס זאל ווייטער ווערן שִׁידּוּכִים ביי די גאנצע מִשְׁפָּחָה, אָמֵן.

און דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רַבִּי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אָמֵן.

נאכ'ן שִׁיעוּר האט דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א געזונגען עטליכע ניגונים לִכְבוֹד די שִׂמְחָה.